בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**יוֹם טוֹב סוּכּוֹת**

תש"פ

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וְוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער נָאכְ'ן מְסַיֵים זַיין שַׁ"ס?. א

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ מַיין בַּאשְׁלוּס אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוְויס?......................... ב

מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, וְוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?............................ ד

וֶוען דַארְף מֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער?......... ו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מְ'רוּימְט נָאר אַבִּיסְל, אוּן אַלֶעס וֶוערְט רֵיין.............. א

הָאסְט אַרוֹיסְגֶע'גַנְבֶ'עט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה?.................. ב

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.................. ב

בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דַיין שִׁידוּךְ................................ ג

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן לִימוּד הַלָכָה קֶענְסְטוּ זִיךְ רוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד.. ד

דֶערְצֵייל פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס דוּ טוּסְט אַלְץ אִין הַפָּצָה........................ ד

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר.............. ה

מִיט סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ............................. ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה............................ ז

מִיטְ'ן דֶערְמַאנֶען חַסְדֵי ה' מַאכְט מֶען אַ כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְרִישֶׁע חֲסָדִים...... ז

אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.................................. ח

פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וואוּ מֶען אִיז......................... ט

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר........ י

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.................................... י

גֶעדֶענְקֶען דָאס גוּטְס אוּן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן........ יא

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹב................................ יב

מִיר גֵייעֶן וְוי דִי בֵּית הִלֵל - מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ..................................... יב

זִיךְ הַאלְטְן אִין אִידִישְׁקֵייט אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.................................. יג

אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, מִדוֹת טוֹבוֹת אוּן קְדוּשָׁה............... יד

דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע עֶדִיקֶשְׁנְס................................ יד

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז אִים אַלֶעס גוּט.......................................... טו

לֶעבְּן אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת.................. טז

מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה........................... יז

נָאךְ אַ יָאר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה!........................... יז

אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִין צְנִיעוּת אוּן אִין חִיזוּק וְעִידוּד - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט........................ יח

טְרַאכְט: 'וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד עֶר זָאל וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?'.............................................. יט

צְוֵויי דַאטוּמְ'ס פוּן יוֹם הוּלֶדֶת.............................................. כ

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִים.......................................... כא

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.......................... כא

דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.................... כב

מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ...................................... כג

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַ מֵפִיץ................... כד

פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.......................................... כה

בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת זֵיי צוּ מַאכְן אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.......................................... כו

אִיךְ וִויל נִישְׁט מַאכְן אַ חִילוּל ה'.......................................... כח

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט.......... כח

אִיבֶּערְבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט וּבִפְרַט דִי וַוייבּ.............................. כט

זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיטְ'ן מַאן.......................................... לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער נָאכְ׳ן מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי שִׁיעוּרִים בַּיי דִי סִיוּמִים, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי חִיזוּק אוּן דִי שְׁטוּפּ צוּ לֶערְנֶען אַסאךְ גְּמָרָא, אוּן יֶעצְט הָאב אִיךְ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַסאךְ מָאל אַז נָאכְ'ן מְסַיֵּים זַיין שַׁ"ס זָאל מֶען נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן עֶס אִיבֶּערְגֵיין פֶּערְצִיג מָאל, אָדֶער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דֶעם אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיסֶער אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס אוֹיפְ'ן סֵדֶר, אָדֶער זָאל מֶען קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין אֵיין מַסֶכְתָּא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג׳ תִּשְׁרֵי, צוֹם גְדַלְיָ׳, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ״ס; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער וָואס לֶערְנְט אוּן אִיז מְסַיֵּים גַאנְץ שַׁ״ס, אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים״; אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל אַז וֶוער עֶס הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים הָאבְּן דִי רוּחוֹת, שֵׁדִים אוּן מַזִיקִים מוֹרָא פוּן אִים וְכוּ׳, זֵיי לוֹיפְן אַלֶע אַוֶועק פוּן אִים אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער גֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל,

וַוייל חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט אִין אֵיין מָאל, דֶער וָואס לֶערְנְט אִיבֶּער אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אִיז זַיין שְׂכַר אַסַאךְ מֶער פוּן דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען חַזֶר'ט אִיבֶּער דָאס לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פַארְגֶעסְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער גֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם ס"מ אִיז נוֹטְרִיקוֹן: "סִ'יוּם מַ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת", וַוייל דֶער ס"מ לָאזְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, בִּיז'ן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מַאכְן אַ סִיוּם פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִפּוֹת וְכוּ', אוּן וֶוער עֶס מַאכְט אַ סִיוּם דֶער דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם ס"מ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ מַיין בַּאשְׁלוּס אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמֶשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שִׁיעוּרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִיבְּרִיג צַייט עֶפְן אִיךְ אַ סֵפֶר.

אִיךְ פְּלֶעג קוּקְן מָאוִויס מִיט מַיין וַוייבּ בַּיינַאכְט, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְן מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, זַייט אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִויס, אִיז מַיין וַוייבּ בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ פַארְבְּרֶענְג נִישְׁט מִיט אִיר צוּ קוּקְן מָאוִויס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מַאכְן שְׁטֶערְקֶער דֶער קֶשֶׁר צְווִישְׁן אוּנְז?

יְיִשַׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִויס; יֶעצְט אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. יֶעצְט וֶועט זִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, וַוייל מָאוִויס מַאכְט נִישְׁט קַיין שׁוּם קֶשֶׁר צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כו.): ״קֶשֶׁר שֶׁל רְשָׁעִים אֵינָהּ קֶשֶׁר״, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין קֶשֶׁר.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אִין דֶעם עִנְיָן, וַוייל אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ קֶענְסְטוּ נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז זִי זָאל פּוּנְקְט אִין דִי מִינוּט וֶוען דוּ הָאסְט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט - אוֹיךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט כֹּחַ, מִיט כֹּחַ פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): ״נָאכְדֶעם וֶוען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דִי בַּת מֶלֶךְ, עֶר הָאט אִיר שׁוֹין גֶעקֶענְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם קֶענִיג, הָאט עֶר זִיךְ פַארְזוֹימְט״, אִין דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס: ״וַוייל מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען״.

זַיי אִיר מַסְבִּיר פַארְוָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִויס, גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ מַאן גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ׳, נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳; זָאג אִיר: ״אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶפֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן צוּ דִי וֶועלְט, אִיךְ ווִיל דִיר לִיבּ הָאבְּן; אַז מַיינֶע אוֹיגְן וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען צוּ דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן מַיין גֶעפִיל צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳״. גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הִרְהוּרִים, סִימָן לט): ״כְּשֶׁאִישׁ אוֹ אִשָּׁה חוֹשְׁבִים בִּשְׁעַת תַּשְׁמִישׁ בְּאֵיזֶה גּוֹי אוֹ בְּגוֹיָה״, וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צוּזַאמֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַ גוֹי אָדֶער גוֹי׳טֶע, ״וְהַמַּחֲשָׁבָה הִיא בְּאַהֲבָה לְאֵיזֶה גּוֹי אוֹ גּוֹיָה״, אוּן בִּשְׁעַת זֵיי טְרַאכְטְן פוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי לִיבּ דֶעם גוֹי וְכוּ׳, ״אֲזַי הַוָּלָד הַנּוֹלָד מִזֶּה הַתַּשְׁמִישׁ נִשְׁתַּמֵּד״, וֶועלְן דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן זִיךְ שְׁמַדְ׳ן, זֵיי וֶועלְן אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט; דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף קוּקְן בַּיינַאכְט - מַאן אוּן וַוייבּ צוּזַאמֶען - מָאוִויס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען זֶעט דִי שְׁפִּילֶערְס אוּן מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּ זֵיי וְכוּ׳, נָאכְדֶעם פַאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זַיי אִיר מַסְבִּיר פַארְוָואס דוּ קוּקְסְט נִישְׁט מֶער קַיין מָאוִויס, וַוייל יֶעדֶע מָאוִוי הָאט

אִין זִיךְ אַלֶע עֲבֵירוֹת; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מָאוִוי וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי דְרַיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס מִיר אִידְן דַארְפְן זִיךְ לָאזְן הַרְגֶ'נֶען דֶערוֹיף: "עֲבוֹדָה זָרָה, גִלוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים". אַז דוּ וֶועסְט אִיר דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט מַסְבִּיר זַיין וֶועט זִי אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס, אוּן אוֹיב עֶס וֶועט אִיר זַיין שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ דָאס אָפְּצוּלָאזְן, וֶועט זִי דִיר כָּאטְשׁ אַרוֹיפְקוּקְן אוּן זִי וֶועט זַיין צוּפְרִידְן אַז דוּ קוּקְסְט נִישְׁט.

אַ שָׁאד אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, פַאר זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם גוֹי'שֶׁע מָאוִויס; דָאס הַרְגֶ'ט דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִינְגֶעלַייט אוּן ווייבְּלֶעךְ וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ חֲבֵרִים אוּן חַבֶר'טֶעס וָואס גֶעבְּן זֵיי דִי פַאלְשֶׁע הַדְרָכָה אַז מֶען זָאל קוּקְן צוּזַאמֶען בַּיינַאכְט מָאוִויס כְּאִילוּ דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן; דִי קָאפּ, מֹחַ אוּן הַארְץ אִיז נִישְׁט צְוִוישְׁן מַאן אוּן ווייבּ, עֶס אִיז וַוייט ווייט רַחְמָנָא לִצְלָן.

זַיי שְׁטַארְק וַוייטֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן מֶער קַיין מָאוִויס, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אַ נַאר אוּן אַ שׁוֹטֶה חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּצוּקוּקְן דַיין ווייבּ כְּאִילוּ זִי אִיז אַ שִׁיקְסֶע מִיט דֶעם וָואס זִי קוּקְט וַוייטֶער; זָאלְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אוּן אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וֶועט זִי מִיט דֶער צַייט זַיין מִיט דִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט אִיר וֶועט דַיין קֶשֶׁר וֶוערְן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָימָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט בֵּין הַזְמַנִים, אוּן אוּנְזֶער בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה פוּן אוֹיסְלַאנְד, עֶר אִיז אַ שְׁוֶוערֶער בָּחוּר וָואס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע בֵּין הַזְמַנִים וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים לַיידְן מִיר אַסַאךְ פוּן אִים. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז גֶעבְּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן אַזְמְרָה (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רפב); זוּךְ אוֹיף אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, גוּטֶע נְקוּדוֹת. דוּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן זוּכְן אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, אִיר זָאלְט בֶּאֱמֶת זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אִין דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט וֶועט אִיר נִישְׁט לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט לַיידְן פוּן אַייךְ, אָבֶּער כָּל זְמַן אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע אוּן מַאמֶע הַאלְטְן נִישְׁט פוּן אִים, וֶועט אִיר לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר וֶועט לַיידְן פוּן אַייךְ; אִיר דַארְפְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

(דָאס אִיז פְּשַׁט פַארְוָואס מֶען זֶעט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר ווּאוּיל אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גוּט, אָדֶער פַארְקֶערְט - אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי גוּט אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לַיידְט מֶען פוּן זֵיי, וִוי קֶען זַיין אַז דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד זָאל זַיין פַארְקֶערְט? דָאס אִיז וַוייל אִין שְׁטוּבּ הַאלְט מֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן וִוי עֶר קֶען זַיין בֶּעסֶער, בִּשְׁעַת וָואס אִין חֵדֶר קוּקְט דֶער מְלַמֵּד אוֹיף אִים שְׁלֶעכְט וֶועט דֶער קִינְד זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט).

פוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין נָאךְ בֶּעסֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רב): ״כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר״, וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, ״כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד״, וַוייל וִוי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט אַלְץ מֶער דַארְף מֶען כָּבוֹד; זָאלְט אִיר אִים שְׁטֶענְדִיג הֵייבְּן, וֶועט עֶר וֶועלְן זַיין נָאךְ מֶער, עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, מִיט דֶעם וֶועג פוּן ״אַזְמְרָה״ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין; עֶס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַן עֵצָה סַיי פַאר עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער אוּן סַיי פַאר מְחַנְּכִים צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יא.): ״בֶּאֱמֶת אָמְרוּ הַחַזָּן רוֹאֶה הֵיכָן תִּינוֹקוֹת קוֹרְאִין״, וֶוער עֶס אִיז אַ חַזָּן עֶר קֶען מַאכְן נִיגוּנִים; דֶער וָואס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד דֶער קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## וְוען דַארף מֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן ב"ה צְוֵויי קִינְדֶערלֶעך, מַיין ווייב וויל זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן זִיבְּן אַזֵייגֶער פַּארְנַאכְטְס, און אִיך הַאלְט אַז זֵיי קֶענֶען נָאך זַיין אוֹיף פַּאר נָאךְ אַ שָׁעָה. לְמַעֲשֶׂה וֶוען זִי לֵייגְט זֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי שְׁלָאפְן זֵיי נִישְׁט אַיין גְלַייךְ, זֵיי הוֹיבְּן אָן פַארְפִירְן, און מַיין ווייב ווערְט נֶערְוֶועז און הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי, און צוּם סוֹף שְׁלָאפְן זֵיי אַיין יֶעדֶע נַאכְט מִיט גְעווֵיינֶערַייעֶן און שְׁרֵייעֶרַייעֶן. וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר, בִּפְרַט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער - זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אַ סֵדֶר צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר זַייט ווִילְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן, ווַייל דָאס אִיז דִי נַאטוּר בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן שְׁפְּרִינְגֶען, טַאנְצְן וְכוּ'; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק און שְׁטְרֶענְג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אִין צַייט. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי טַאטֶע מַאמֶע ווֵייסְן וָואס זֵיי ווִילְן, בַּיי זֵיי אִיז אַ וָוארְט אַ וָוארְט, הֵייבְּן זֵיי אָן פָאלְגְן אָן קַיין ווֵיינֶען און אָן קַיין פַארְפִירְן.

מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַריין אִין דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט, לָאז דַיין ווַייבּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ; דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר זֶען צוּ הֶעלְפְן, זַיי אִיר מְחַזֵּק און מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי ווַייבּ; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי ווַייבּ, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; און פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן נו) פַארְלִירְט מֶען לֹא עָלֵינוּ דִי קִינְדֶער.

לֵייג שְׁלָאפְן דַיינֶע קִינְדֶער פְּרִי וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁלָאפְן מִיט דַיין ווַייבּ פְּרִי. שְׁטֵיי
~~~~~~~~~~~

אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן זִינְג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן סה): ״הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים״, אַז מֶען זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְטָאגְס אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מְ׳רוּימְט נָאר אַבִּיסְל, אוּן אַלֶעס וֶוערְט רֵיין.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; חַזֶר׳ט צוּ זִיךְ טָאג טֶעגְלִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר זֶענֶען אִין זַיינֶע הֶענְט אַזוֹי וִוי אַ שְׁטִיקֶל קְלֶעי אִין דִי הֶענְט פוּן קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ דֶערְמִיט, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אִין זַיינֶע הֶענְט.

וִוי מֶער מֶען חַזֶר׳ט אוּן מֶען זָאגְט דִי אֱמוּנָה, וֶוערְט מֶען רוּאִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער; אַלֶע פְּחָדִים פַאלְן אַוֶועק.

וֶוען אִיר דַארְפְט טוּן אַסַאךְ זַאכְן אִין שְׁטוּב אוּן עֶס וֶוערְט אַייךְ שְׁוֶוער אוֹיפְ׳ן הַארְץ זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען ״מְעַט גַם כֵּן טוֹב״, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, כ:): ״אִשָּׁה פִּיקַחַת״, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, ״מְדִיחָה כּוֹס כָּאן״, שְׁוֶוענְקְט אָפּ אַ גְלֶעזְל דָא, ״קְעָרָה כָּאן״, אַ טֶעלֶער דָארְט, ״תַּמְחוּי כָּאן״, אַ טַאפּ דָא, ״וְנִמְצֵאת מְכַבֶּדֶת אֶת בֵּיתָהּ בְּשַׁבָּת״, בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶוערְט רֵיין אוּן זוֹיבֶּער לְכָבוֹד שַׁבָּת.

אַז מֶען גֵייט צוּבִּיסְלֶעךְ, אַבִּיסְל דָא, אַבִּיסְל יֶעצְט, אַבִּיסְל דָארְט אוּן אַבִּיסְל בַּאלְד, קוּמְט מֶען אָן צוּ אַלֶעס אוּן מֶען קֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**הָאסְט אַרוֹיסְגֶע׳גַנְבֶ׳עט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, חוּמָשׁ אוּן גְּמָרָא; נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי פְלַייסִיג דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט טָרוּד עַל הַמִּחְיָ׳ וְעַל הַכַּלְכָּלָה בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רפד) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״ זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז ׳קֶבַע׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳גְזֵלָה׳, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): ״וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ״, מֶען פְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: ״דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶע׳גַנֶב׳עט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה?״ דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דִיר צוּ זֶען; אִיךְ זֶע דִיר טַאקֶע וֵוייניג ווַייל דוּ וואוֹינְסְט ווַייט פוּן מִיר, אָבֶער אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אַייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן לְטוֹב, ווִי שְׁטַארְק אִיר הָאט הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל אוּן ווִי אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ אִין דִי מוֹסְדוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיר זָאלְט זֶען פוּן זֵיי אִידִישׁ חֲסִידִי׳שׁ נַחַת, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ אַז וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים גֵייט אַרוֹיף אִין
~~~~~~~~~~

הִימְל אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן. וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיט עֶר זָאל הָאבְּן זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט (סֶעלְ"ף קַאנְפִידֶענְ"ס) ; אַ שָׁאד פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לוֹיפְן אַרוּם צוּ טֶערֶעפִּיסְטְן וְכוּ׳, קְלֶעסֶעס וְכוּ׳ - פַאר בִּטָחוֹן עַצְמִי וֶוען מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם בְּחִנָם, מֶען דַארְף בַּיים אָנְהֵייבּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער וֶוען מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ אִיז דֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר דַיין שִׁידוּךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען פַאר פֶערְצִיג טֶעג בִּרְצִיפוּת גַאנְץ "מַסֶּכֶת תַּעֲנִית"; פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז הַיינְט הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען פֶערְצִיג מָאל דִי מַסֶּכְתָּא, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ דַיין זִיווּג, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַלְס סְגוּלָה אַ חָתָן צוּ וֶוערְן, צוּ לֶערְנֶען פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶערְצִיג מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן דוּ זָאלְסְט דָארְט וֵויינֶען צוּם רֶבִּי׳ן: **"רֶבִּי, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גּוּף, אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, אִיךְ דַארְף מַיין צְוֵוייטֶע חֵלֶק, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן שׁוֹין מַיין שִׁידּוּךְ".**

אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידּוּךְ, לָאמִיר זֶען צִי דָאס אִיז דִיר בַּאשֶׁערְט; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן תְּשׁוּבָה פוּן דִי מֵיידְלְ׳ס זַייט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**מִיט הִתְבּוֹדְדוּת און לִימוּד הֲלָכָה קֶענְסְטוּ זִיךְ רוּפְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, צְוֵויי זַאכְן דַארְף יֶעדֶער אִיד טוּן יֶעדְן טָאג, "הִתְבּוֹדְדוּת" - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶע חַבֵר.

צְוֵוייטְנְס, "הֲלָכָה" - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, לְכַתְּחִלָּה זָאל מֶען הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, און אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאל מֶען לֶערְנֶען וואוּ אִימֶער, מֶען זָאל עֶפֶּענֶען אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ און לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט).

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן עַל שֵׁם רַבֵּינוּ נָאר אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן; אַז מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד?" דַארְף עֶר טְרַאכְטְן צִי עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען און גֶעלֶערְנְט הֲלָכָה אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נָאר דַאן אִיז עֶר אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט הֲלָכָה און זִיךְ נִישְׁט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, קֶען עֶר עֶנְטְפֶערְן: "נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר", אָדֶער קֶען עֶר שְׁנֶעל גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לֶערְנֶען הֲלָכָה.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת; יֶעצְט וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶועל אִיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דִיר און דַיין וַוייבּ, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, און אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

**דֶערְצֵייל פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס דוּ טוּסְט אַלְץ אִין הַפָּצָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוער נָאךְ קוּמְט אוֹיף אוּמַאן אַזוֹי וִוי דִיר טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיט פוּלֶע בַּאגַאזְשְׁן? דוּ קוּמְסְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן נָאךְ אַ גַאנְצֶע יָאר עוֹסֵק זַיין פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה בְּלִי גוּזְמָא אִין "הַפָּצָה". אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס דוּ פִירְסְט אַזוֹי שֵׁיין, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט
~~~~~~~~~~

אויף אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם וְכוּ', וְכוּ'.

נָאכְדֶעם מִיטְ'ן "גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶש" וָואס טוֹיזֶנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם וָועכֶנְטְלִיךְ. און בְּעִיקָר מִיטְ'ן "הַאט-לַיין", דִי מֶענֶער הַאט-לַיין און דִי פְּרוֹיעֶן הַאט-לַיין, וָואס הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם טָאג טֶעגְלִיךְ, און אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט.

דָאס אַלֶעס זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן; מֶען זָאגְט נָאךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶועןְ צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דִי תַּלְמִידִים אַז וָוען זֵיי שְׁרַייבְּן זֵייעֶר קְוִויטְל זִיךְ מַזְכִּיר זַיין זֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת זָאלְן זֵיי אוֹיךְ שְׁרַייבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, אַלֶע פְּעוּלוֹת אִין הַפָּצָה; אַזוֹי אִיז בַּיי דִיר, וָוען דוּ גֵייסְט צוּם צִיּוּן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס פַאר אַ מַהְפֵּכָה דִי דְּרָשׁוֹת און בְּרִיוְון מַאכְן יֶעצְט אִין דִי וֶועלְט, וֶועסְטוּ פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס גוּטְס.

בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

נָאךְ אַזַא יָאר וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַזוֹיפִיל נִסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט; בִּיסְט אַפָּאר מָאל גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, גֶעלֶעגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ וואוּ מֶען הָאט דִיר אַפֶּערִירְט, און יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן נָאכְאמָאל פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען גֵייט אָפְּשְׁרַייבְּן אַ נַייעֶ בְּלֶעטְל, מִי יִחְיֶה, מִי בְּקִצוֹ; וואוּנְטְשׁ אִיךְ דִיר אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר בְּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְצִיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל און הָאבְּן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ דוּ גֵייסְט נָאךְ אָן מִיט דַיינֶע לִימוּדִים אַזוֹי וִוי אַמָאל; דוּ פְלֶעגְסְט מִיר אַלֶעמָאל דֶערְצֵיילְן דַיינֶע סִיוּמִים מִיט אַ שְׁמֵייכְל און אַ חַיוּת, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דַיינֶע סִיוּמִים. בִּכְלַל פְלֶעגְן מִיר הָאבְּן אַמָאל מֶער שַׁיְיכוּת, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ צִי דוּ הָאסְט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן מִיר וְכַדוֹמֶה, אָדֶער פָּשׁוּט, אַלֶעס אִיז גוּט נָאר אִיךְ פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ מֶער פַארְנוּמֶען.
~~~~~~~~~~~

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיט סַבְלָנוּת און תְּפִלָּה אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ וֶועגְן דִי מוֹסְדוֹת, אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט אַרַיין שִׁיקְן אִין סְקוּל זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט אִיר בִּכְלָל און בִּפְרָט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט כֹּחַ און גֶעוַואלְד הָאבְּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, ווִידֶערְאוּם דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סַבְלָנוּת, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וַוייבּ און קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ חַיּוּת און גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, דִי הָאבְּן בַּיים סוֹף גֶעזֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים, עֶס הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, דִי וַוייבּ און קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן פְּלַאם פַּייעֶרְדִיגֶע חֲסִידוּת'טֶעס.

אִיךְ בִּין בָּרוּר אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ צוּ אִיר און צוּ אַנְדֶערֶע אוֹיף דִי וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה וָואלְט זִי זִיכֶער גֶעטוּן דַיין ווִילְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָכָה - אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶעמָאלְט - עוֹזַרְתּוֹ, אִיז דִי וַוייבּ אַ הֶעלְפֶער פַאר'ן מַאן, לֹא זָכָה - אַז מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, דֶעמָאלְט - כְּנֶגְדּוֹ, אִיז זִי פַארְקֶערְט וְכוּ'.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, לֶערְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער פַארְנַאכְטְס גְמָרָא; טוּ עֶס מִיט אַ קְבִיעוּת וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע ווְאוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ הָאסְט מִיר גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אוֹיף פֶּען אוּן פַּאפִּיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם חוֹדֶשׁ, דוּ קֶענְסְט זִיךְ דֶעקְן זֵייעֶר מְצֻמְצָם.

וָואס מֵיינְסְטוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בְּלוֹיז אֵיין וֶועג ווִי אַזוֹי דִיר צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה? הַרְבֵּה דְּרָכִים לַמָּקוֹם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַסַאךְ וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מִיר דַארְפְן מְקַיֵּים זַיין דֶעם (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", מִיר דַארְפְן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ מִיר שְׁטֶעלְן אַלֵיינְס אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אִיז דֶער וָואס שְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, גֵיי אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵייג אִים פָאר אַלֶע דַיינֶע קָאסְטְן, זָאג אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט; אַ סוּכָּה, נוֹי סוּכָּה, ד' מִינִים, מַתָּנָה פַאר דִי וַוייבּ, סְעוּדוֹת יוֹם טוֹב, וְכוּ', וְכוּ', - וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים, עֶס וֶועט קוּמֶען פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח פוּן אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען.

אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ מַמָּשׁ גַּן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, דָארְט אִיז גָאר גוּט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין; הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דִי פְּרִישֶׁע רֵיינֶע לוּפְט אוּן עֶנְדִיג דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיטְ'ן דֶערְמַאנֶען חַסְדֵי ה' מַאכְט מֶען אַ כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּרִישֶׁע חֲסָדִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'.**

זַייט נִישְׁט בַּאזָארְגְט וֶועגְן קִינְדֶער; אִיר וֶועט בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.) אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט נִפְקָד וֶוערְן יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.
~~~~~~~~~~~

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען חַסְדֵי ה׳ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַ כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּרִישֶׁע חֲסָדִים. פַארְיָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אִיר נִיטְאַמָאל גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אַז אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָּה הָאבְן, קוּקְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ אַזוֹי שֵׁיין גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיט קִינְדֶער, פַּרְנָסָה אוּן כָּל טוּב.

לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן בְּכָל פְּרָט וּפְרָט, דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט קֵיינֶעם נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם גֶעבּ אִיךְ״, אוּן וֶוען אַ צַדִּיק גֶעבְּט, גֶעבְּט עֶר בְּעַיִן טוֹבָה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט אַ בְּרִיוו פוּן הִימְל פָארְנְדִיג קַיין אוּמַאן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר פָארְן יֶעצְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּקּוּנִים אוּן צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט מְלַמְּדוּת, אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ הָאף דָאס יָאר צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל; בָּרוּךְ ה׳ מִיר הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס יָאר צוּ הָאבְן גָאר חָשׁוּבְ׳עֶ מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ פַּשְׁטוּת צוּ ווִיסְן אַז וָואס זֵיי דַארְפְן אוּן וָואס זֵיי ווִילְן נָאר - זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַרַיינְוָוארְצְלֶען אִין זֵיי דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דּוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן אִין זֵייעֶר פְרַייעֶ צַייט, זָאלְסְטוּ זֵיי אָנְצִינְדְן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה,
~~~~~~~~~~

"טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה"; עֶס זָאל זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר בִּכְלַל וּבִמְלַמְדוּת בִּפְרָט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

**פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וואוּ מֶען אִיז.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): "אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִסִים וֵוייסְט וֵוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס פַאר אַ נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים; דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס פַאר אַ נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אַזַא טַייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר מְחַזֵק זַיין. בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען זִי וַוארְט לְמַזָל טוֹב, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן מְחַזֵק זַיין, וַוייל פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי וַוארְטְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וְכוּ', זֵיי הָאבְּן כָּל מִינֵי פְּחָדִים וָואס גֵייט זַיין וְכוּ', וָואס, וֶוען אוּן וואוּ.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ דָארְטְן עוֹסֵק זַיין אִין הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה בִּיסְטוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר הִילְפְבַּאר, דַארְפְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בִּבְחִינַת מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, וּמַעֲלִין בַּקוֹדֶשׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

...

~~~~~~~~~~

**עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זוּנְטָאג פַאר דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ גֶעקוּמֶען גֶעזֶעגֶענֶען הָאסְטוּ מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר, וַוייל זַייט דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה מִיטְ'ן אָפְּלָאזְן דִי שִׁידוּךְ בִּיסְטוּ נָאכְנִישְׁט צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען.

וְוִיל אִיךְ דִיר יֶעצְט מְגַלֶה זַיין, וְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז זַייט דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן בַּאפַּאטְשְׁט פוּן דִי פַּרְשָׁה גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר, אוֹיךְ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - אַלֶע זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי פַּרְשָׁה, וְוִיפִיל נֶעכְט אִיז אַוֶועק פוּן אוּנְז פוּן דַיין פַּרְשָׁה, דָאס הַארְץ רַייסְט אוּנְז אַלֶעמֶען.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מִיר דַארְפְן חַזֶר'ן אָן אַ שִׁיעוּר אַז "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט; מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר זֶענֶען דָא גֶעסְט אוּן מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם וְוִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת".

אֵיין זַאךְ זָאגְן אַלֶע (דִי וָואס קֶענֶען דִיר), זִי הָאט פַארְלוֹירְן, עֶס אִיז אִיר שָׁאדְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁענֶערְ"ס אוּן בֶּעסֶערְ"ס.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיכְטִיגֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזוּק, דוּ וֶועסְט וְוִיסְן וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן; אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען, אִיךְ שְׁרַייבּ וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן פוּן מוֹהֲרַ"ש.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, אִיר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָימָא; יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט נִפְקָד צוּ וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָימָא, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם
~~~~~~~~~~~

לִבְרָכָה זָאגְן (ראֹשׁ הַשָּׁנָה יא.) אַז ראֹשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אוּנְזֶערֶע מַאמֶעס דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת נִפְקָד גֶעוָוארְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

נֶעם זִיךְ פָּאר לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר עוֹסֵק צוּ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין נֵייעֶ גֶעשֶׁעפְט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועם דוּ רֶעדְסְט; מִיט אִידְן אָדֶער לְהַבְדִּיל אוּמוֹת הָעוֹלָם, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען, גַא״ד בְּלֶע״ס י״וּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ לִיבּ דִיר, דַיין ראֹשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**גֶעדֶענְקֶען דָאס גוּטְס אוּן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים עֶנְדֶע פוּנֶעם יָאר, בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם נַייעֶר יָאר - ווִיל אִיךְ דִיר וואוּנְטְשְׁן זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶרְצִיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט דַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ׳.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַודַאי אַז דֶער יֵצֶר הָרָע יִמַּח שְׁמוֹ הָאט זֵייעֶר פַּיינְט אוּנְזֶער פְּלַאץ "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ"; עֶר טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אָפְּקִילְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ". דֶעריבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דָאס גוּטְס אוּן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

פוּן דַיין ראֹשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ נָאךְ מֶער פוּן אַמָאל, גָארְנִישְׁט וֵוינִיגֶער פוּן אַמָאל אוּן וַוארְט צוּ זֶען דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~

**נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער פָארְנְדִיג צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי, מַמָּשׁ עֶס רַייסְט מִיר בַּיים הַארְץ וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה; זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִיר, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אַלֶעס צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן חֵטְא אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן פַארְ'ן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ מוֹסְדוֹת.

וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט; מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, כְּאִילוּ בַּיי אוּנְז אִיז אַ פְלַאץ פוּן הֶפְקֵרוּת אוּן קַלּוּת רֹאשׁ, וֶוען בְּאֱמֶת אִיז דָאס פוּנְקְט פַארְקֶערְט. ווִי יֶעדֶער פְרִישֶׁער מְקוּרָב דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּ אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, וְכוּ', וְכוּ'.

דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין דָאס גֶעזָאגְט פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, "זֵייא הָאבְּן זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַה מֶענְטְשׁ, אוּן קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", מֶען רֶעדְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ כָּל דָּבָר אָסוּר אוּן אוֹיף יֶענֶעם קְרִיגְט מֶען, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אוֹיף יֶענֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן; זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ, קוֹדֶם אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער וֶוען אִירֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן שׁוֹין יָא מִיט עֶנְק, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן מִיט דִיר אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיר גֵייעֶן ווִי דִי בֵּית הִלֵּל - מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן סוֹף יָאר ווִיל אִיךְ דִיר וואוּנְטְשְׁן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען חוֹדֶשׁ'לִיךְ דִי רֶענְט פַארְ'ן מוֹסָד, מִיט
~~~~~~~~~~~

דֶעם הָאסְטוּ מִיר גְרִינְגֶער גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן דַיין זוּן ... בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין לִשְׁנַת תש"פ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יוֹם כִּיפּוּר, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' בְּלַייבְּן אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ פַארְמַאךְ נִישְׁט דִי מוֹסָד אוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; מִיר גֵייעֶן נִישְׁט בִּבְחִינַת פּוֹחֵת וְהוֹלֵךְ, נָאר מִיר גֵייעֶן ווִי דִי בֵּית הִלֵל - מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט נָאךְ אַ מוֹסָד אִין שְׁטֶעטְל אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַארְמַאכְן דִי מוֹסָד אִין שְׁטָאט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ אוּן וַוארְט אוֹיף דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ הַאלְטְן אִין אִידִישְׁקֵייט אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק אוּן לָאז נִישְׁט אָפּ גָארְנִישְׁט פוּן אִידִישְׁקֵייט; אֱמֶת, עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חַתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ הַאלְסְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ ווִי אַ שְׁמַאטֶע; דָאךְ זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", פֶערְצִיג טֶעג פַאר'ן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל וֶוער דִי שִׁידוּךְ אִיז אוּן וֶועט זַיין אוּן וֶוען עֶס זָאל אָנְקוּמֶען.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ זַייט, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אַ פְּלַג גוּף; אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל חַתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס דֶעם נִסָּיוֹן פוּן זַיין אַ בָּחוּר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.
~~~~~~~~~~~

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

**אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן קְדוּשָּׁה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - ׳אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת׳", אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.**

**לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן קְדוּשָּׁה, וַוייל עֶס לִיגְט אַן אַחֲרָיוּת אוֹיפְ׳ן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן אוּן אָנְגְרֵייטְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית. עֶס זֶענֶען דָא מְקוֹמוֹת וָואס הָאבְּן אַ שִׁיטָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דִי עִנְיָנִים, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע שִׁיטָה, מִיר דַארְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט וְכוּ׳, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְרִירְן וְכוּ׳, אוּן זִיכֶער אוֹיב קוּמְט אֵיינֶער אוּן ווִיל אִים אָנְרִירְן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ זָאל עֶר מַאכְן אַ "וַיִּצְעֲקוּ!" עֶר זָאל אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְן, אֲפִילוּ דֶער מְנֻוָּל שְׁרֶעקְט אָן וְכוּ׳.**

**וֶוען דוּ רֶעדְסְט אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַ פְלַאם פֵייעֶר, מִיט אַ בְּרֶען, אַז עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי בִּרְצִינוּת (מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט).**

**זֶע צוּ שְׁלָאפְן גוּט אוּן עֶסְן צוּ דֶער זֶעט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע עֶדִיקְשְׁנְס.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אָדֶער אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף מִיר אוֹיב דוּרְכְ׳ן יָאר הָאב אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אָדֶער גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ׳; נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פָּאזִיטִיוֶוער וֶועג, וַוייל אִיךְ ווִיל נָאר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.**

יֶעצְט בַּיים רֶבִּינ'ס צִיוּן וֶועלְן מִיר פּוֹעֶל'ן אַ גוּט יָאר; בַּיים רֶבִּינ'ס צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ בַּיים צִיּוּן, קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן".

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן, זָאלְסְט זִיצְן בַּיים צִיּוּן אוּן וֵויינֶען אוּן וֵויינֶען אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין צוּגֶעקְלֶעבְּטְקֵייט צוּ אַלְקָאהָאל; בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ פַּאר'עֶקְלֶען פוּן אַלְקָאהָאל, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיין זֵיידֶע (אַ מְחוּתָּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) פְּלֶעגְט רֵייכֶערְן צְוֵויי פּוּשְׁקֶעס צוּגֶרֶעטְלֶעךְ יֶעדְן טָאג (רוֹיטֶע צוּגְרֶעטְלֶעךְ), עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם, עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט שֵׁיידְן דֶערְפוּן.

וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט רֵייכֶערְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דֶעם", אֵיין אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם צוּגְרֶעטְל אִין הַאנְט הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס עֶקְלְט אִים אוּן עֶר הָאט דָאס אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַיינֶע תְּפִילּוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן זֶענֶען נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן דֶעם. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען בֶּעט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז אִים אַלֶעס גוּט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר דָאס לֶעבְּן זַיין זִיס אוּן הָאנִיג'דִיג.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אִים אַלֶעס גוּט; עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָתוֹ, אוֹיךְ דָאס אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי טוֹבָה אִיז אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ נֶעמֶען דָאס שְׁלֶעכְטְס.
~~~~~~~~~~~

גֶעבּ אַ קוּק דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אוּן אַזַא טַייעֶרֶע מַאן נֵרוֹ יָאִיר, בְּלַייבְּט דִיר אִיבֶּער נָאר אֵיין זַאךְ: "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה" - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מַאן; דַיין מַאן הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט אַ גֶעטְרֵייעשַׁאפְט, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

**לֶעבְּן אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם נַייעֶם בְּלֶעטְל וָואס אִיר גֶעבְּט אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ; אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם גִּלְיוֹן, בְּעִיקָר פוּן דִי "מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה", וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל וִויסְן אַז וָואס מֶען דַארְף אוּן וָואס מֶען וִויל זָאל מֶען זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ.

פוּן דֶעם בַּאשְׁטֵייט דָאס גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, נָאר דָאס אִיז אַיין אֱמֶתְ'עֶר תַּכְלִית.

אִיךְ הָאף אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו פַארְ'ן גִּלְיוֹן; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט דָאס אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן דֶערְפוּן חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; דִי וָואךְ הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן נָאךְ אַ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת ... הי"ו, דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע בָּרוּךְ הַבָּא וָואס אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט, מִיט אַזַא חֶסֶד אוּן אַהֲבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֵיי מְגַדֵל זַיין צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ בְּנַחַת.

וֶוען עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר דַארְפְן מִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן דֶעם פַארְלָאפֶענֶעם יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן אוּן מַאכְן פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת פַאר דִי נַייעֶ יָאר. פַאר וֶוער עֶס פְרֶעגְט מִיר וָואס עֶר זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר, זָאג אִיךְ אִים: "נֶעם זִיךְ פָאר מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה; סַיי לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ׳ אוּן סַיי אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידוּ׳ס, קַארְטְלֶעךְ פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ. זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן לֵצִים וָואס רוּפְן אוּנְז אָן מִיט צוּנֶעמֶען וְכוּ׳, נָאר גְלַייךְ וֶוען דוּ זֶעסְט אַ בָּחוּר זָאלְסְטוּ צוּגֵיין צוּ אִים אוּן אִים מְזַכֶּה זַיין מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַארְ'ן לֶעבְּן, טְרַאכְט נִישְׁט צִי מֶען קוּקְט... צִי מֶען לַאכְט...

הַאלְט פַאר דַיינֶע אוֹיגְן וִוי לְמָשָׁל אֵיינֶער דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ אִין וַואסֶער אוּן דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִים צוּ רַאטֶעוֶוען, וָואלְסְטוּ דֶען גֶעקוּקְט צִי אֵיינֶער קוּקְט? צִי אֵיינֶער לַאכְט? וָואלְסְט זִיכֶער אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען יֶענֶעם צוּ רַאטֶעוֶוען.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**נָאךְ אַ יָאר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה!**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג׳ תִּשְׁרֵי, צוֹם גְדַלְיָ׳, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמִילוֹהִי עָלַי! אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן וואוּ מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וויפִּיל אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן קֶען אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִּילְן פוּן דֶעם הֶערְלִיכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מַיין הַארְץ אִיז אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט גוּטֶע גֶעפִילְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער קִיבּוּץ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. דָאס דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, דִי סְעוּדוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, דִי סְבִיבָה אִיז גֶעוֶוען אַ רֵיינֶע, אוּן אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אִיז נָאר גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

מָארְגְן וֶועט נִישְׁט פָּארְקוּמֶען דֶעם וֶועכְנְטְלִיכְן שִׁיעוּר; אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל זַיין בְּכֹּחַ צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ מָאנְטָאג - עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִין צְנִיעוּת אוּן אִין חִיזוּק וְעִידוּד - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג׳ תִּשְׁרֵי, צוֹם גְדַלְיָ׳, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז אִיר נֶעמְט צוּזַאם פְּרוֹיעֶן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אִין עִיר הַקוֹדֶשׁ צְפַת תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵנוּ, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועריִקֵייטְן וְכוּ׳ אוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרִיבֶּער גֵיין אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זְמַנִים וְכוּ׳.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע צִי מֶען זָאל וַוייזְן פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אַ דְרָשָׁה וְכוּ׳; וִויסְן זָאלְט אִיר אַז דִי רַבָּנִים שְׁלִיטָ״א הָאבְּן גֶע׳אֲסַרְ׳ט וִידִיאוֹ אַלְץ מוֹשַׁב לֵצִים, וַוייל אַז מֶען זִיצְט צוּזַאמֶען אוּן מֶען קוּקְט דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַּךְ אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ
~~~~~~~~~~~

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ג): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם און מֶען רֶעדְט נִישְׁט דִּיבּוּרֵי אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִין צְנִיעוּת און אִין חִיזּוּק וְעִידּוּד - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (שָׁם): "שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵינֵיהֶם", דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט צְוִוישְׁן זֵיי; מְמֵילָא אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה, פַּארְקֶערְט, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז אַלֶע וָואס קוּקְן דִי דְרָשָׁה און הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ דִי וֶוערְטֶער זָאלְן אוֹיסְהֶערְן דִי רַבָּנִים אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶער'ן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער און צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

...

~~~~~~~~~~~

טְרַאכְט: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד עֶר זָאל וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגו): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועְן בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר וֶוען אַלֶע זוּכְן גוּטֶע קַבָּלוֹת מִיט וָואס אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם יָאר, זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ עוֹסֵק זַיין אִין "הַפָּצָה" - פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְסוּדָּר אִין לֶעבְּן און דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן תִּיקּוּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל מְתַקֵּן זַיין וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~~

לֵייג אַוֶועק אַלֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קיט): עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַז אַ אִיד זָאל טְרַאכְטְן: ׳אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִשְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל כָאטְשׁ אַ צְוֵוייטֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳; קוּק נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וָואס דוּ טוּסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, טְרַאכְט עֶנְדֶערְשׁ פוּן אַן אַנְדֶערְן אִיד: ׳וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד עֶר זָאל וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן?׳

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר; אִיךְ הָאףְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַז אִיךְ וֶועל זַיין בְּכֹחַ צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ מָאנְטָאג - עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**צְוֵויי דַאטוּמְ׳ס פוּן יוֹם הוּלֶדֶת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו אִין אוּמַאן פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

עֶס אִיז מַמֶשׁ אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט, אַז וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶועג דֶער קֶען פֵייעֶרְן צְוֵויי דַאטוּמְ׳ס פוּן יוֹם הוּלֶדֶת, אֵיינְס וֶוען דִי נְשָׁמָה אִיז אַרֵיין אִינֶעם גוּף אוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶוען מֶען הָאט דִי חַיוּת אִין נְשָׁמָה בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, וֶוען מֶען הֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אוּנְז, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער, אוּן דָאס לֶעבְּן וֶוערְט פָּשׁוּט גֶעשְׁמַאק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוֹיפְצוּצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר חָשׁוּב׳עֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר לִיכְטִיג קִינְד, עֶר אִיז פוּל מִיט חֵן; עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶעפִירְט אִין אוּמַאן, הֵן בַּיים דַאוֶונֶען אוּן הֵן מִיט זַיין הִתְנַהֲגוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', יַבְנִאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב.**

דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דַיין בְּרִיוו אִין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דַיין בְּרִיוו; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן אַז אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעווּאוּנְטְשְׁן זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר אוּן בַּיי דַיין מִשְׁפָּחָה.

לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): "אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ", וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז דָאס אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ, "כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מֻנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּבוֹת, וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ", ווייל וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט דֶעם תְּהִלִּים הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי וֶוערְטֶער אַ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים וֶועקְט מֶען אוֹיף דִי רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער כְּאִילוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט דִי וֶוערְטֶער; זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ עֶנְדִיגְסְט תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ מִיר דָאס שְׁרַייבְּן וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן זָאלְסְט מַאכְן נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן אַלְץ אִידְן, בִּפְרַט וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע סָארְט מַחְשָׁבוֹת וּבִלְבּוּלִים; דֶעמָאלְט אִיז דִי עֵצָה צוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אִים.
~~~~~~~~~~~

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל", דָארְט וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק אִין אַלֶע דַיינֶע מַצָּבִים, אִין אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דֶעם סֵפֶר, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט לָאזְן פַאלְן אוּן עֶס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשׁוֹת פוּן בֵּיידֶע טֶעג; דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דַיין הַארְץ אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁנַת מְחִילָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי דִי שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אוּן בַּייסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, נָאר זִיךְ פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ מוּז טוּן וָואס יֶענֶער טוּט, אִיךְ מוּז טְרַאכְטְן וִוי יֶענֶעם אוּן אִיךְ מוּז לֶעבְּן מִיט יֶענֶעם, נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם - אַז מֶען טוּט וָואס יֶענֶער טוּט, שָׁלוֹם מֵיינְט אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט פַיינְט, נָאר יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל אוּן נָאכְדֶעם קוּמֶען מִיר אַלֶע צוּם רֶבִּי'ן.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זוֹהַר חָדָשׁ נח, דף כג) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת אֵיין שׁוּל וואוּ מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וַוייל אַלֶעס גֵייט נָאךְ דֶעם אָנְהֵייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וּלְבִלְתִּי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט
~~~~~~~~~~

וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; בִּפְרַט דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וַוייל אַלֶעס גֵייט נָאךְ דֶעם אָנְהֵייבּ.

זַיי נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אִין שְׁטוּבּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ'; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר הִיטְן שַׁבָּת, אַ מַאֲכָל אַרוֹיף אַ מַאֲכָל אַרָאפּ - נִישְׁט פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; אַז דַיין וַוייבּ קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ מַאכְן אַלֶע מַאֲכָלִים זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן, גֶעדֶענְק וָואס דֶער תַּם פְלֶעגְט טוּן וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין יֶעדֶע שְׁטִיק בְּרוֹיט אַלֶע טַעֲמִים וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט אִין בְּרוֹיט אַלֶע טַעֲמִים (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט).

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, מִיט וֶועם זֵיי חַבֶר'ן זִיךְ אוּן צִי דִי שְׁכֵנִים זֶענֶען עֶרְלִיךְ; מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן קִינְדֶער שְׁפִּילְן אִין פְרֶעמְדֶע שְׁטוּבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט קְלָאר וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר דָאס אִיבֶּער פַאר שַׁבָּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּן דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְט אִיר זֶען מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַייעֶר מוּט; אוֹיבּ דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דִי מַאמֶע אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ', זִי שְׁרַייט וְכוּ' - דֶעמָאלְט הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אַ צֶעשְׁטֶערְטְן שַׁבָּת, זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זַיין פְרֵיילִיךְ.

פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיבּ מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַמָאל בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס גֵייט
~~~~~~~~~~~

פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל, "שֶׁאוֹמֵר: 'אֲנָא אֶמְלֹךְ', בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: 'אִיךְ וִויל', וָואס מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל; דֶערְפַאר, אַז אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דֶעם כְּלַל: 'וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', וֶועט אַייךְ אַלֶעס גֵיין וִוי אַזוֹי אִיר וִוילְט.

גֵייטְס נִישְׁט אָנְגֶעטוּן מִיט קוּרְצֶע אוּן שְׁמָאלֶע קְלֵיידֶער; לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר וַוארְפְטְס אַוֶועק אַלֶע נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אַז עֶס קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט אַרָאפּ נֶעמֶען אַייעֶר הָאר, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס עֶר זָאגְט צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת פַאר אַ פְּרוֹי וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דִי הָאר (עַיֵּין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, פָּרָשַׁת נָשֹׂא, דַּף קכה:).

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְט אִיר טַאנְצְן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער: "אַה מְחַיֶּ' שַׁבָּת, אַה מְחַיֶּ' שַׁבָּת, אַ מְחַיֶּ' אוּנְז הִיטְן שַׁבָּת"; דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר מַמְשִׁיךְ זַיין אִין שְׁטוּבּ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַ מֵפִיץ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען אַבִּיסְל פְּרִיעֶר.

אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַ מֵפִיץ; עֶר קוּמְט טַאקֶע אַהֵיים שְׁפֶּעט אָבֶּער עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דִי שָׁעוֹת אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן וֶוען אַייעֶר מַאן טְרֶעפְט זִיךְ אַ פַּרְנָסָה פוּן שְׁפִּילְן אָדֶער זִינְגֶען בַּיי חֲתוּנוֹת, וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז שְׁפֶּעט אוֹיף אִים, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיר גֶעקוּקְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר
~~~~~~~~~~~

טוט דָאס פַאר פַּרְנָסָה, יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז עוֹסֵק אִין הַפָּצָה דַארְפְט אִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אַז עֶר אִיז עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, אוּן אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַהֵיים שֵׁיין פַּרְנָסָה.

אִיךְ בַּארֶעכְטִיג נִישְׁט דָאס וָואס עֶר קוּמְט אַהֵיים אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער אִיר פוּן אַייעֶר זַייט דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז נָאר עוֹסֵק: "לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַי, וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ", עֶר אִיז מְזַכֶּה נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת; וְויפִיל אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וֵויינֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער וָואס קוּמֶען נִישְׁט אַהֵיים, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים ה' יְרַחֵם? וְויפִיל אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֶענֶען פַארְקְלֶעמְט אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן, וֶוען זֵייעֶרֶע מֶענֶער גֵייעֶן בַּיינַאכְט צוּ דִי נִישְׁט גוּטֶע רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיר וָואס אַייעֶר מַאן גֵייט הַפָּצָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַהֵיים שֵׁיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן עֶר אִיז עֶרְלִיךְ - דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַלֶעס הָאט זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען מִיט אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר, דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שַׁבָּת בַּיי שַׁלֹשׁ סְעוּדּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צו) אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זוּכְט אַ פְּלַאץ ווּאוּ צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעהֶערְט פוּן דָארְט טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן פַּאטְשְׁן וְכוּ', וְכוּ', "עָנִיתִי וְאָמַרְתִּי, הֲלֹא לְכַאן בְּוַדַּאי טוֹב לִכָּנֵס לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דָא אִיז גוּט אַרַיין צוּ גֵיין הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן"; הָאבְּן מִיר אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן זַיין בְּשִׂמְחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט): "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי
~~~~~~~~~~~

עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד", דֶער עִיקָר פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת, עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ; דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען פוּן דִי וַוייבּ, אִיר צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ.

לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים, גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ; דַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן בְּיוֹם צָרָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ זֶען אֵיינֶער אַלֵיין וֶוען דוּ וֶועסְט דַארְפְן הִילְף, אַ שָׁאד זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְן פַאר חֲבֵרִים וֶוען זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת זֵיי צוּ מַאכְן אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע דִי וָואךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת; דָאס הֵייסְט אוֹיךְ דְרֵיי וָואכְן: פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, דִי וָואךְ פוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית. זֵיי אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר, אִיז יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב לָאז זֵיי הָאבְן אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב זֵיי זָאלְן קֶענֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

פְּרוּבִּיר דָאס צוּ גֶעבְן שׁוֹין הַיינְט אָדֶער מָארְגְן, אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ה.): "הַמַּמְצִיא לוֹ מָעוֹת לֶעָנִי בְּשַׁעַת דָּחְקוֹ", וֶוער עֶס בְּרֶענְגְט גֶעלְט פַארְ'ן אָרִימַאן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט קוֹיפְן פַאר בִּילִיג, עֶר מוּז קוֹיפְן פַאר טַייעֶר, וָואס דַאן אִיז דָאס פַאר אִים אַ קְלָלָה.
~~~~~~~~~~

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט זֵיי בַּאצָאלְט אוֹיף יוֹם טוֹב, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זָאגְן בַּיי תְּפִלַּת נְעִילָה: **"לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ, וּתְקַבְּלֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ".**

אִיךְ וֶועל דִיר אִם יִרְצֶה ה' שִׁיקְן ד' מִינִים אוֹיף יוֹם טוֹב.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו וָואס דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן צוּ דִי פָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג אַ גַאנְץ יָאר וֶוען דוּ רוּפְסְט זֵיי בֶּעטְן שְׂכַר לִימוּד; נִישְׁט נָאר זֵיי צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד, נָאר זֵיי מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי בֶּעטְן שְׂכַר לִימוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

מֶען הָאט מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן אָפִּיס אַז אִיר זֶענְט שוּלְדִיג פַּאר שְׂכַר לִימוּד דֶער סְכוּם פוּן ... טוֹיזְנְט דָאלֶער; נִישְׁט נָאר דוּ צָאלְסְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד, נָאר דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק אוּן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי תְּפִלַּת נְעִילָה: "אַתָּה נוֹתֵן יָד לַפּוֹשְׁעִים, וִימִינְךָ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים, וַתְּלַמְּדֵנוּ ה' אֱלֹהֵינוּ לְהִתְוַדּוֹת לְפָנֶיךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, 'לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ' וּתְקַבְּלֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ כְּאִשִּׁים וּכְנִיחוֹחִים" וכו', נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען נָאכְאַמָאל: "וַתִּתֶּן לָנוּ ה' אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה אֶת יוֹם צוֹם הַכִּפֻּרִים הַזֶּה, קֵץ וּמְחִילָה וּסְלִיחָה עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, 'לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ' וְנָשׁוּב אֵלֶיךָ לַעֲשׂוֹת חֻקֵּי רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם"; עֶס אִיז נִישְׁט פַאַרְהַאן נָאךְ תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט צְוֵויי מָאל בַּיי נְעִילָה, זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן זַיין שוּלְדִיג פַּאר אַ צְוֵוייטְן גֶעלְט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט מוֹחֵל קַיין אֵיין פְּרוּטָה וָואס דוּ קוּמְסְט מִיר, אִיךְ בְּלוּטִיג אַוֶועק יֶעדֶע רֶגַע פַּאר דִי מוֹסָד, פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּנֶעם מוֹסָד פוּן וֶוען דִי מוֹסָד שְׁטֵייט, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִינֶעם מוֹסָד אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאב צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַז דִי מוֹסָד זָאל אָנְגֵיין אוּן דוּ מַאכְסְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּנֶעם מְנַהֵל הַמּוֹסָד אַז דוּ הָאסְט אִים גֶערוּפְן אוּן גֶעמַאכְט אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי צוּ בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז שְׂכַר לִימּוּד אִיז דִי חָשׁוּב׳סְטֶע זַאךְ, אַז מֶען צָאלְט שְׂכַר לִימּוּד אִיז מֶען מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַאכְן אַ חִילוּל ה׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיס יָאר, אַ לִיכְטִיג יָאר, נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה מִיט אַלֶעס גוּטְס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן צִי עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ קְלֶער פוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס עֶר הָאט גֶע׳גַנְבֶ׳ט, אִיךְ דֶערְטְרֶענְק זִיךְ אִין חוֹבוֹת.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ עַרְכָּאוֹת וָואס דָארְט קֶען מֶען בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט בִּיז פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה; אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אַבִי נִישְׁט צוּ מְחַלֵל זַיין שֵׁם שָׁמַיִם. אוֹיב בֵּית דִין וֶועט אוּנְז גֶעבְּן אַ הֶיתֵּר עַרְכָּאוֹת אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין מְנוּחָה פוּן דָאס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן שְׁלָאגְן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער מַכּוֹת רֶצַח, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס וֶועט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן,

אוֹיבּ יָא וֵוייסְטוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין טַאשְׁקֶע אוּן אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטוּבּ.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, נָאר דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אַלֶע מֵיינֶען אַז דוּ בִּיסְט דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע וְכוּ׳, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ׳ן וִוי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעבְּלוּטִיגְט דַיין הַארְץ אִיז אִין דִיר. זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, מֶען קֶען אַרִיבֶּער טְרָאגְן שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ דַיין נָאמֶען, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**אִיבֶּערְבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט וּבִפְרַט דִי וַוייבּ.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – ב׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מָארְגְן נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער נַאכְט פוּן ״כָּל נִדְרֵי״, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לו): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ה): ״שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה בְּנוֹת יְרוּשָׁלָיִם״, אַ גַאנְץ יָאר אִיז ׳שְׁחוֹרָה אֲנִי׳, אִיךְ בִּין פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער ׳וְנָאוָה׳ – בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, יוֹם כִּיפּוּר בִּין אִיךְ שֵׁיין פַאר דִיר, יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): ״עֲבֵרוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ״, אוֹיף אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, חוּץ אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ חַבֵר, וָואס דֶעמָאלְט הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה בִּיז מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם חַבֵר, בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וִויפִיל הָאסְטוּ מְצַעֵר גֶעוֶועֶן דַיין וַוייבּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אַלֶעס פַאר חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן דִיר שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאזְט! זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעצְט מַאכְן אַ קַבָּלָה אַז דוּ
~~~~~~~~~~

גֵייסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, דוּ גֵייסְט אִיר מֶער נִישְׁט מַאכְן וֵויינֶען און דוּ גֵייסְט זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אִירֶע גֶעפִילְן, וֶועט דֶער אֵייבֶערשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּער גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פַאר יוֹם טוֹב; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער וֶוען דֶער זֵיידֶע בֶּענְטְשְׁט זֵיי.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז זִי זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, זִי דַארְף נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, א): "לַכֹּל זְמָן", יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט; וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער דֶעמָאלְט וֶועט זִי גֵיין אִין שׁוּל, אָבֶּער יֶעצְט זָאל זִי בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ; אַז זִי הָאט צַייט זָאל זִי דַאוֶוענֶען אִין שְׁטוּבּ.

יוֹם הַקָּדוֹשׁ גֵייט אָן אַלֶע הַלָּכוֹת פוּן הַרְחָקוֹת וְכוּ'.

זַיי מִיר מוֹחֵל וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט וֵויי טוּן, אִיךְ הָאבּ דִיר פָּשׁוּט גֶעוָואלְט מַדְרִיךְ זַיין זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַמְט. מִיר וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ קֶען זִיצְן אִין דִי זַייט און נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש נָאר פַאר דִי סִיבָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל וואוּ צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַזוֹי, עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה וְכוּ', וְכוּ', מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעהֵייסְן רֶעדְן און זָאגְן וְכוּ', וְכוּ', - דַארְף אִיךְ זָאגְן. בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ און אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר. נֶעכְטְן פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם אוֹהֶל פוּן דִי לְיוּבַּאוִויטְשֶׁע רֶבִּיִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט פַאר דִיר און דַיין וַוייבּ, אוֹיךְ אִיז נֶעכְטְן גֶעוֶוען אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה און אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.

אִם יִרְצֶה ה' דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר עֶס אִיבֶּער נָאךְ פַאר יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט'ן מַאן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): "עֲבֵרוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", אוֹיךְ אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, חוּץ אוֹיב מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ חַבֵר, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה בִּיז מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם חַבֵר. בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע מַאן דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, דַיין מַאן בְּרֶענְגְט דִיר פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְץ יָאר צוּ קֶענֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט, וְכוּ', וְכוּ'; וִויפִיל מָאל שְׁרֵייסְטוּ אוֹיף אִים דוּרְכְ'ן יָאר? דוּ בְּלָאזְט אוֹיף אִים פַּאר נַארִישְׁקֵייטְן, בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער וְכַדוֹמֶה; דוּ מוּזְט אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז דוּ וֶועסְט אִים מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר גָארְנִישְׁט אוּן פַּאר נִישְׁט; יֶעדְן טָאג גֵייסְטוּ אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן דוּ נִיצְט עֶס נִיטְאַמָאל, דוּ הָאסְט אַ מַחְלָה פוּן קוֹיפְן וָואס דוּ זֶעסְט; דַיין מַאן הֶערְט נִישְׁט אוֹיף בָּארְגְן גֶעלְט (קְרֶעדִיט קַארְדְס), עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד, וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דַיינֶע חַבֶר'טֶעס וֶועלְן זָאגְן אִין פָארְנְט פוּן דִיר WOW! ווִי מֶעג מֶען אוֹיסְצַאפְּן בְּלוּט, אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אִין לֶעבְּן!

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~